Call no: B. (NS)PP540

Title: Eikh mit mayin shene mishpuhe ...

כותר: איך מיט מיין שינע משפחה ...

Imprint: [Unied States ; s.n., 19--]

Collation: 1 broadside : ill. (middle design), 25 x 20 cm.

הערות: סוג הגליון: שיר על משפחת גנבים. תחילת השיר: ווער שפיעלט דיא הויפט ראללע. מוזכר כלא סינג-סינג. בשולי העמוד כתוב: "אלערליי לידער און ביכער צו לעזין איז צו בעקומען ביי מ. יאזעף 174 קאמארשעל רויד. "

Subject: Folk poetry, Yiddish - United States.
Yiddish poetry - United States.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

# איך מיט מײן שײנע משפחה.

1

װער שפּיעלט דיא הויפּט ראללע אין דער הײנטיגער צײט.
איך מיט מײן שײנע משפחה'
װער האט אזא נאמען' װאס קלינגט ברײט און װײט
איך מיט מײן שײנע משפחה'
דען אונזער משפחה ציט װײט זיך אװעק'
און שװינדלער' גנבים איז דא גאַנצע פּעק.
װער װערט אפּט דער שראָקען פאר בלאָהע רעק?
איך מיט מײן שײנע משפחה.
נאָר ברכה' הצלחה אין אונזער מלאכה'
דאס האבען מיר איטמער' כמעט אין אלץ דינג'
און װער שטעלט ארױס דעם פּאָליסמאַן דיא צינג?
איך מיט מײן שײנע משפחה'

2

בעטראַכט יענעם סוחר' װאס האנדעלט בײ נאכט'
ס'איז אײנער פון אונזער משפחה'
ער האט שױן א צײט לאַנג אין סינג-סינג פערבראכט'
װײל ס'איז אײנער פון אונזער משפחה'
א שײן ביסעל גניבות' האט ער שױן דערטאפּט'
מען האט איהם שױן' כלעבען' ניט אײנמאהל געחאפּט'
און װער האט געקריגען דיא בײנער צו קלאפּט?
איך מיט מײן שײנע משפחה'
נאָר ברכה הצלחה אין אונזער מלאכה'
מען גלײכט אױס דיא בײנער' ס'איז גאָר קײן אַײ אַײ'
און װער גנב'עט װידער גאנץ אָפען און פרײ?
איך מיט מײן שײנע משפחה'

3

דאָרט װאַלגערט זיך אײנער ארום אין דער פרעמד'
ס'איז אײנער פון אונזער משפחה
און באָרװיס און נאקעט—דרײ װאָכען אײן העמד'
װײל ס'איז אײנער פון אונזער משפחה
געהט און ניט געגעסען' א דרײ' פיר מעת לעת'
און חלישט צו קריגען א טרינק און א פרעס'
װער גנב'עט דאָרט בײגיל און שלאָפט אין עקספרעס
איך מיט מײן שײנע משפחה'
און ברכה הצלחה אין אונזער מלאכה'
זאָגאר װען מען כאפּט אונז—דאס האב איך בעטראכט'
און װער איז אנטלאָפען פון סינג.סינג בײא נאכט:
איך מיט מײן שײנע משפחה'

4

דארט ריקט זיך אַ סטאָװ פּײפ אין קלײזעל ארײן
ס'איז אײנער פון אונזער משפחה'
דער סטאָװ פּײפ קלײד איהם' װיא א שטרימעל א שװײן
װײל ס'איז אײנער פון אונזער משפחה'
חאטש ער איז פון יוראפּ א שוסטער בײ טרײד'
געצװיגען דעם לעדער' דוא דראטװע געדרײט'
און דא הײסט ער „רעװערענד" און װײסט װאס איהר זעהט
געראָטען אין אונזער משפחה'
און ברכה הצלחה אין אונזער מלאכה'
א דאנק דער מדינה' דאָ װערט מען א לײט'
מען טײט מיט דיא פינגער' מען קוקט פון דער װײט'
אױף מיר אױף מײן שײנער משפחה'

אלערלײ לידער און ביכער צו לעזין איז צו בעקומען בײ מ. יאזעף 174 קאמארשעל רױד.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.